№ 22 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. ווֶעכֶענטלעך יאַר־גאַנג. פּרייז 20 גראָשען „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען־פּרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פאר ן טעקסט 24 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 18 גראָשען
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פעראנטווארטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאַקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאמענטס־פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek, dnia 3 Czerwca 1927 ליכט־צינדען 7 מיט 30 מינוט פרייטאָג, פ' נשא ד' סיון תרפ"ז.

דער שבועות נומער

פון אונזער צייטונג וואס וועט ערשינען זונטאג ערב־שבועות וועט ציי־נעמען 6 זייטען
מיט א זעהר רייכען און אינטערעסאַנטען אינהאַלט.
אַנאָנסען צו דעם נומער ווערען אָנגענומען אין אדמיניסטראציע היינט א גאַנצען טאָג.

פייערלטשער־זאַל.

נאָר 4 אויפפירונגען פון בעראָמטען און בעליבטען פאָט־קאָמיקער פון ווילנער פאָלקס־טעאטער ה' מאַקסימאָוו

שבת ד. 4 יוני 9 אָוונד ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל די קאָמישע אָפּערעטע

אין 4 אקטען פון זילבערט

דער חתן אין אמעריקע

מיט ה' מאַקסימאָוו אין דער ראָל פון אַמעריקאַנער חתן.

בילעטען פון 80 גר. ביז 3 זל. בילעטען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' בעמשאן און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע.

מאַקסימאָוו

צוזאמען מיט דעם זינג־ליבהאבער ה' זובאָק ביים אנטייל פון די שוין בעקאנטע ארטיסטען פרויען: ביאַל־קאָוויטש, ווייסבערג, סעגאַל, פראנער — מענער: ביאַלקאָוויטש, ווינער, גאָלדבערג, לורנער, לייבאָוויטש א"א

זונטאג ד. 5 האלב 10 אָוונד ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל די לאַנג־ער־וואַרטעטע פּיעסע אין 3 אקטען פון ש. אַנ־סקי

טאָג און נאַכט

סופלאָר ה' לורנער. אדמ. ה' ביאַלקאָוויטש.

Teatr „Rozmaitości", dyr. J. Otrembski, Strażacka № 8, dawn. („Reduta".)

Tajemniczy Dżems

שבת, זונטאג מאנטאג, דינסטאג, מיטוואָך און דאָנערשטאג — דער לעצטער שלאגער פון סעזאָן פון פערטנער און טשוויקלינסקים טעאטער אין ווארשא, געשפּילט אין ניו־יאָרק 700 מאָל

זונטאג נאכמיטאג אויפ'ן פערלאַנג פון פובליקום Azais
דינסטאג נאכמיטאג Oczy księżniczki Fatmy

שבת נאכמיטאג צו 1 זל. Uciekła mi przepióreczka
מאנטאג נאכמיטאג Wiera Mircewa

אונזערע ביכער־פּרעמיעס פאר מאי.

פאר'ן חודש מאי האָבען מיר בעשטימט פאר אונזערע לעזער פאָלגענ־דע ביכער אלס פרעמיעס דורך א גורל.

1) די יודישע געשיכטע פון דר. גרעץ אין 10 בענדער.
2) אין פוילישע וועלדער — אפאטאָשו.
3) קידוש השם — ש. אש.
4) בילדער און סקיצען — י. ל. פרץ.
5) די שפּאנישע אינקוויזיציע — דר. לעהמאן.
6) אינ'ם וועלט־קריג — דר. ג. לעווין.
7) שירים (יודיש) — ח. נ. ביאליק
8) אויסדערוועהלטע שריפטען — אחד־העם.
9) דער קופער־קעניג פון סיביר — ס. ח. רייז.
10) אפיקורסים — ב. יאָרושאָהן.

די ציהונג קומט פאָר זונטאג דעם 5 ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג.
די געמען פון די זוכים בגורל וועלען מיר פערעפענטליכען אין נעכ־סטען נומער פון אונזער צייטונג.

בעקאַנטמאַכונג.

איך האב גע־עפענט אין

זלאָטי פּאָטאָק

א פּענסיאָנאַט צו מעסיגע פּרייזען.
קומט און איבערציינט אייך.

מיט אכטונג
ח. שטראָזבערג טשענסטאָכאָוו.

בעמערקונג: אָבריוע־באהן נאָך זלאָטי פּאָטאָק 5.30 8.25 און 5.20 נאכמיטאג.

פון האנדווערקער ־ קלוב.

דינסטאג דעם 7 יוני האלב 9 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל (אַלעע 40) די פארטזעצונג פון דער אַלגעמיינער פערזאמלונג.
אויפ'ן טאָג־אָרדנונג — וואהלען.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości że rozpoczęły się zapisy do oddz.: ślusarsko-mech., elektro-mech. i stolarskiego.
Kancelarja czynna codziennie od 9 do 2.
Jednocześnie zawiadamiamy, że rozpoczęły się zapisy na Kursach Dokształcających dla terminatorów przy Szkole Rzemiosł.
Zapisy codziennie od 7 do 9 wiecz.

Dr. med. Okulista - trachomatolog
JAN SKOTNICKI
ul. Panny Marji 20
Przyjmuje od 4-7.



כשר
פערלאַנגט אומעטום נאָר
פּאָטאָקאָל



חייל
פּאָטאָקאָל
איז די בעסטע און ביליגסטע

קאַקאָאָ־פּוטער
כשר

מעלדונג „צעירי מזרחי".

שבת פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל א בעריכטס־פערזאמלונג פון דער 4. „צעירי מזרחי" לאַנדעס ־ קאָנפערענץ, וועלכע איז פערגעקומען אין ווארשא. אלע חברים און סימפּאטיקער ווערען געבעטען פונקטליך צו קומען.
הוועד.

ערשיטערט זענען מיר געוואָרען פון די פלוצים'דיגע נאכריכט, וואס האט געטראָפען אונזער הערשאַפט זאַקסענהויז און גאָלדשטיין צום טויט פון זייער נישט פערגעסענדע מוטער

בלימה גאָלדשטיין

צוזישען די בערג פון ציון וואָלט איהר אייער טרייסט געפונען.

שושנה וצבי אחראי (לסקי)

חיפה א"י אייר תרפ"ז.

קופאָן נר. 1

צום גורל פון די ביכער־פּרעמיעס פאר מאי.

די טלע, וואס האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד און אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער ליבער מוטער

נ"ע שרה ווינדמאַן

דריקען אויס זייער איניגסטען דאנק

די אין טיפען טרויער פערבליבענע

זיהן, טעכטער, שנירס, איידעמס און אייניקלעך.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער און שוועגערין

בעשע ברוג מיט ה' שלמה אלטמאן

ווינשען א הערצליכען מזל ־ טוב
יחיאל ברוג און פרוי
הירשל זאַמבעק און פרוי.

חברנו יוסף
לרגלי בואך לברית! הנשואין את העלמה פרת שרה כרמון
מברכים אותך שיהי' צעדך צעד של אשר וע'שר.
גדיל שצופק, זאב רכמן.

בברכת מזל־טוב חגנו מב־כים את חבינו
מר יוסף טביש לנשואין את העלמה שרה כרמון
יזרח מזלם כשמש בצהרים.
יהודה לייב סרברניק, אשר יהודה צינסטחובסקי.

„טאָז" געזעלשאַפט צו פערהיטען דאס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

שבת ד. 4 יוני האלב 9 אָוונד אין פאבריקאַנטען און סוחרים־פער־איין, קאַשטשושקי 13 קומט פאָר

דינסטאג ד. 7 יוני האלב 9 אָוונד אין האַנדווערקער ־ קלוב, צווייטע אַלעע 40 קומט פאָר

אַן אינפאָרמאַציאָנס־פערזאמלונג

א. ד. ט. די ציעלען און די טעטיגקייט פון „טאָז".

עס רעפערירען: ה' פ. שפירא — די געזעלשאַפטליכע אויפגאבען פון „טאָז"; ה' ד"ר א. בראַם — די טעטיגקייט פון „טאָז" אין פוילען; ה' ד"ר מ. קאַהן — די טע־טיגקייט פון טאָז אין טשענסט; ה' אינז. פשיסוסקער — די בעציהונג פון יוד. געז. צום „טאָז".
איינגאנג פאר די מיטגלידער פון די דערמאנטע פעראיינען אומזיסט.

דער פון 30 יאהר עגזיסט. ווארשטאט פון מעטער־אנציגער

S. GOTAJNER, ALEJA № 6

טיילט מיט די געעהרטע קליענטען דאס כדי זיך צוצופאסען צו די נייעסטע פער־לאַנגען פון דער מאָדע האב איך אנגאזשירט א ספּעציעלען לייטער מיט א דיפּלאָם פון דער וויענער אַקאַדעמיע, צווי דאס איך וועל האבען די מעגליכקייטען צופרידענצושטעלען די ג' קליענטען נאך פיעל מעהר ווי ביז איצט.

מיט אכטונג
ש. גאָטיינער, אַלעע 6.

רעיעל און ביליג!

צום זומער־סעזאָן איז מיין געשעפט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל

— פון — אַלעאַרט
היטלעך
יודישע פון די פּערשי־ — דענע פירמעס, —

אויך סאַמעטענע און קינדער־היטלעך.

א גרויסער אויסוואהל פון
קאַפּעלושען
מאָדערנסטע פאַסאָנען

אלעס צו קאָנקורענץ פרייזען.

ה. יאַקובאָוויטש סטראַזשאַצקא 5.

געדענקט די אדרעס!

Wszystkim tym, którzy oddali ostatnią posługę drogiemu nieodżałowanemu Mężowi i Ojcu naszemu

b. p. GUSTAWOWI KOHN

składamy serdeczne podziękowanie

ŻONA i DZIECI.

א ערנסטע פראגע.

(וועגען איבערטראגען די מושב זקנים ובית יתומים אין שטאדט ארײַן.)

I

עס איז אונז שוין אויסגעקומען צו רעדען וועגען איינער פון אונזערע חשובסטע ערטיגע אינסטיטוציעס, וועלכע דארף נעהמען אומבעדינגט דורך דער היגער יודישער בעפעלקערונג אויסגעהאלטען און געפלעגט ווערען, און וועלכע האט צווישען איהרע אלע גרויסע מעלות איין גרויסען און חוכמיגען פעהלער וואס זי איז מיט יאהרען צוריק געבויט געווארען ווייט פון דעם שטאדט-צענטער וואו זי געפינט זיך ביז'ן היינטיגען טאג.

מיר מיינען דאס מאל דעם היגען „מושב זקנים ובית יתומים".

עס איז דאכט זיך נישט פערהאנען קיין איין יוד וואס וואלט זיך נישט בעצויגען מיט דער גרעסטער און מיטפילער אכטונג צו דעם דאזיגען אנשטאלט, וועמעס אויפגאבע עס איז צו העלפען די שוואכסטע און אונבעהאלפענסטע אלטע לייט און די אומגליקליכע שוצלאזע יתומים, מיט'ן געבען זיי א דאך איבער'ן קאפ און עסען צו דער זאט, און די יונגע יתומים גלייכצייטיג א ביסעל לעהרע, בילדונג און פאכקענטניס.

עס קען זיך בשום אופן נישט געפינען קיין מענש, אין וועמען זיין מענשליך געפיהל איז נאך איננאנצען נישט אויפגעלעשען געווארען וועלכער זאל צו דעם נישט פיהלען די אינערליכסטע סימפאטיע און זאל נישט גרייט זיין דעם דאזיגען אנשטאלט מיט אלע מעגליכקייטען צו אונטערשטיצען.

און פארט געפינט זיך אט די דאזיגע אזוי חשובע אינסטיטוציע אין א שטענדיגען געלד-מאנגעל און א סך, א סך היגע יודען, דוקא אזעלכע וואס ענטוזיאזמען זיך קיינמאל נישט פון קיין שום וואהלטעטיגע זאך, בעמיהען זיך נישט אין אונטערשטיצען דעם דאזיגען אנשטאלט.

און מען זאגט אז דאס איז דערפאר ווייל דער מושב זקנים געפינט זיך אביסעל צו ווייט פון דער שטאדט. צופיעל אפגעזונדערט פון דעם וועלטשען צענטער, און ס'איז ווי מען זאגט: וואס אויס די אויגען איז אויס דעם הארץ.

ווען דער דאזיגער „מושב זקנים ובית יתומים" וואלט זיך געפונען אין דער שטאדט ווי אלע אנדערע ערטיגע אינסטיטוציעס וואלט ער נעהמען דורך די היגע יודען מעהר בעוואוסט געווארען, וואלט זיך די היגע יודישע געזעלשאפט מיט איהם בעקענט, וואלטען די טשענסטאכאווער יודען שטענדיג מיט זייערע אויגען געזעהען ווי מען האלט אויס זייערע זקנים, ווי מען ערציהט זייערע יתומים און שטענדיג, שטענדיג וואלט מען אין זיי געדענקט, ביי יעדער געלעגענהייט וואלט מען פאר זיי געזארגט און די מיטגעפיהלענדער יודען וואלטען געהאט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט מיטגעהאלפען אז דער אנשטאלט זאל קענען עקזיסטירען און ערפולען זיינע חשובע אויפגאבען, ווארום אונזערע זענען זיי דאך, אונזערע זקנים און אונזערע יתומים.

בעזונדער—זאגט מען—איז גלאט נישט פראקטיש צו לאזען א גאנצע צאהל שוואכע אומבעהאלפענע זקנים און יונגע יתומים, איבערהויפט יתומות, אויפגעהאלטען ערגיץ אויף'ן פרייען פעלד, א שפאר שטיקעל וועג פון שטאדטישען ישוב.

און נאך א זאך:

דער רוב פון די קינדער-יתומים בעזוכען אין שטאדט די פאלקס-שולען אדער אנדערע פאך-שולען און זיי מוזען דאריבער איינמאל אדער עטליכע מאל אין טאג געהן אין שטאדט אריין וואס עס איז ווינטער אין די גרויסע קעלטען און זומער אין די גרויסע היצען פאר די קינדער זעהר און זעהר שווער, און אויסער דעם האבען שוין געטראפען טרויעריגע פאלען, ווי כוליגאנעס וועגען אויפ'ן וועג בעפאלען די שוצלאזע יתומים און זיי געשלאגען, ווייל ס'קומט זיי אויס צו געהן פערייען וועג וואו קיין מענשען פערקעהרען נישט.

די אלע אויסגערעכענטע פעהלערן האבען א קאלאסאלע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון דעם אנשטאלט און פאר די זקנים און יתומים וואס ווערען דורך איהם אויסגעהאלטען, שטעהען ווי געזאגט אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס די גרינדער פון דעם דאזיגען אזוי נוצליכען אנשטאלט האבען איהם אוועקגעשטעלט צו ווייט פון דער שטאדט.

זיי, די גרינדער פון דעם אנשטאלט, דער גאטזעליגער ה' הערדע מיט זיין פרוי האבען אהן ספק געהאט די בעסטע כוונות און די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט זיי געוויס שטענדיג דאנקבאר זיין פאר זייער גרויסער זאך, אבער זיי האבען געוויס קיין אהנונג נישט געהאט אז מיט דעם בויען דעם אנשטאלט אויסער דער שטאדט איז זייער הילפסיגער און ערהאבענער מהאם נישט איינגאנצען פערפעלקאמט.

דאריבער איז שוין לאנג ענטשטאנען די פראגע פון איבערטראגען דעם דאזיגען אנשטאלט אין שטאדט ארײַן. דאס איז אבער א זאך, וואס לאזט זיך נישט אזוי לייכט מאכען, און מיר האבען דאריבער דאס נישט בעריהרט, איצט וואלטען מיר אבער די פראגע בעריהרט, ווייל זי איז גראד איצט אקטועל ווי מיר וועלען ווייטער ערקלערען.

י. פ.

15 חדשים שטאדט-ראט.

III

אויב אין די דורך אונז שוין אנגעוויזענע געביטען האט די ביז יעצטיגע היגע שטאדט-פערוואלטונג און שטאדט ראט ארויסגעוויזען וועניג וואס פראקטישע טעטיגקייט, קאן דאס וועלכע אויך געזאגט ווערען אין בעצוג צו דעם ווירטשאפטליכען און אינוועסטאציאנס-געביעט אין אונזער שטאדט.

אין דעם געביעט פון אינוועסטאציעס, איז זעהר וועניג וואס אויפגעטהון געווארען און זעהר וועניג געווארנט געווארען, בלויז פון צייט צו צייט האבען זיך בעוויזען אין שטאדט-ראט פארשלאגען וועגען אויסברוקירען די אדער יענע גאסען, וועגען מילחטי-וען בעלויכטען די אדער אנדערע שטאדט-טיילען, ספעציעל איז וועניג געזארגט געווארען וועגען דעם טרויריגען צושטאנד אין וועלכען עס געפינען זיך די קווארטאלען, וואס ווערען בעוואוינט פון דער ארימער אדער ארבייטענדער בעפעלקערונג.

עס איז גענוג אנצוווייזען דאס די נאדרזעצנא גאס צ. ב. ש. וואו „אולען" האט אפפיהסטען דורכגעפיהרט די קאנאליזאציע ארבייט, איז געבליבען פיעל חדשים אין דעם אונחירדירינגען צוקאפעטען צושטאנד, לענגער ווי אלע אנדערע גאסען און עס האט וועגען דעם ערשט געמוזט קומען אן אינטערפעלאציע אין שטאדט-ראט, דאס איז געשעהען דערפאר ווייל דארט איז פערהאן דער יודישער קווארטאל.

און אויב אין אינוועסטיציע געביעט ווערט וועניגסטענס געמאכט די קאנאליזאציע און וואסערלייטונגס-ארבייט, וועגען וועלכער עס איז פערהאנען גענוג צו זאגען, איז אין אנדערע געביטען זעהר נישטיגעס געטהון געווארען.

יעדער פערנונפטיגער מענש וועט מודה זיין אז אויפ'ן ערשטען ארט פון דער שטאדט-ווירטשאפט האט געדארפט שטעהן די פראגע פון דירות-מאנגעל, דעם וואס איז פאר דער בעפעלקערונג אין די שטעדט, און דער צייט פון נאך דער מלחמה געווארען א לעבענס-פראגע, און דארין האט די שטאדט-פערוואלטונג געדארפט ארויסווייזען שטערקסטען פעראינטערעסירונג, ווייל דאס איז דאך א פראגע וואס ריהרט אן הונדערטער פאמיליעס וועלכע האבען נישט קיין דאך איבער'ן קאפ, און די דירות-פראגע איז, לויט ווי עס האט אנערקענט דער אלפוילישער וואוינונגס-צוזאמענפאהר פון די פערטרעטער פון די פוילישע שטעדט, וועלכער איז פארגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון 1926 י., א פראגע אין וועלכער עס איז אפהענגיג די היגיענישע, מאראלישע און געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג פון די איינוואוינער, און וואס האבען די היגע געהעריגע שטאדט-ארגאנען וועגען דעם געטהון?

אין אויגוסט פערגאנגענעם יאהר האט דער מאגיסטראט נאך 8 חדשים טעטיגקייט פערגעלעגט דעם שטאדט-ראט א פראיעקט וועגען בויען א גרויס וואוינונגס-הויז פאר ארבייטער. דער פארשלאג איז אין רעזולטאט אנגענומען געווארען — אבער ווייטער וועגען אוועק א ריהע חדשים ביז'ן אויפלעזען דעם שטאדט-ראט און מאגיסטראט און די פראגע איז געבליבען אויפ'ן טויטען פינקט.

שפעטער האט אנגעהויבען געבוירען ווערען דער פלאן וועגען בויען בעאמטער-הייזער פון די איבערגעבליבענע אולען - געלדער. אבער אויך דער פראיעקט האט אדורכגעטרעטען א ריהע זיצונגען פריהער אין מאגיסטראט שפעטער אין שטאדט-ראט, דאן ווידער אין דער ספעציעלער קאמיסיע — און אין רעזולטאט איז דער פלאן געבליבען... פלאן. ערשט אין די לעצטע טעג איז אנגעקומען א ידיעה וועגען דעם ענדליכען בעשטעטיגען דאס בויען פון ארבייטער-הייזער פאר 20 טויזענד דאלאר, און דאביי איז כאראקטעריסטיש: אויף צו לינדערען די דירות נויט פון די איינוואוינער האט מען נאך פיעל מיה בעשטעטיגט אזא קליינע סומע — אין דער צייט ווען איין הויז פון דער אדמיניסטראציע פון אולען וואס ווערט געבויט אויף דער אנרערעהא גאס, וועט קאסטען; ווי עס האבען ערקלערט מיטגעבענדע פערזאנען, איבער 40 טויזענד דאלאר.

ווען מיר ווילען זיך נאך אפשטעלען און אנווייזען ווי וויכטיג די דאזיגע פראגע איז פאר אלע שטאדטישע איינוואוינער, וועט גענוג זיין צו נעמען אין אכט איין מאל פון דעם סטאטיסטישען מאטעריאל וועלכען דער מאגיסטראט האט אויסגעארבעט. לויט דער „ראזיינער" סטאטיסטיק קומט אויס אז די צאהל בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט פערגרעסערט זיך כסדר מיט 2 פראצענט, ד"ה אז צו דער צאהל פון 88 טויזענד איינוואוינער וועלכע אונזער שטאדט צעהלט קומט יעהרליך צו צירקא 1800 נפש - געבוירענע, און דער וועלכער צייט פערגרעסערט זיך אויך די צאהל איינוואוינער, דורכ'ן צוציען פון אנדערע שטעדט און דערפער. אזוי ארום קומט אויס אז די צאהל איינוואוינער אין טשענסטאכאו פערגרעסערט זיך יעהרליך (לויט דער לעצטער אלגעמיינער סטאטיסטיק פון מאגיסטראט) מיט 3600 פערזאן — און דירות קומען צו זעהר וועניג. ווארום די וועלכע סטאטיסטיק ווייזט דאך אז זעהר קליינע און נישטיגע ציפערען פון נייע בוי-אונטערנעהמונגען אי פריוואטע אין אין שטעדטישע, ווי ווייט דער דירות-מאנגעל וואקסט. קענען אונז ווייזען נאר די דערמאהנטע ציפערען, אבער ווי אזוי עס זעהט אויס דער וואוינונגס-צושטאנד ביי אונז אין שטאדט, וועגען דעם האט אפילו דער מאגיסטראט נישט געהאלטען פאר נויטיג צו זאמלען קיין מאטעריאל, ווארום אין סטאטיסטישען אמט איז נישט אנגעוויזען וויפיעל הייזער, וואוינונגען עס ווערען פערהאן אין טשענסטאכאו און וויפיל פערזאן עס קומט אויס אויף איין שטוב. אויב דאס וואלט יא געטהון געווארען וואלט אזוי די שטאדט-פערוואלטונג צוגעקומען צו וויכטיגע אויספיהרונגען און וואלט אפשר זיך בריימער פעראינטערעסירט מיט'ן לינדערן די דירות-נויט.

וואס דער מאגיסטראט האט יא אויפגעטהון איז דאס בויען פון מאגיסטראט - הויז וואס עס ווערט אינ'ם פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאנטראל - קאמיסיע פון אויגוסט פערצייכענט אלס פערדינסט — אבער צו וואלט דאס בויען דאס מאגיסטראט הויז נישט געפונען מעהר אנערקענונג ביי דער היגער בעפעלקערונג, ווען עס ווערט אנשטאט דעם אויפגעבויט א וואוינונגס-הויז?

אבער פונקט אזוי ווי דעם צוזאמענשטעל פון גורזשע נובא, וועלכער נעמט אריין אדמיניסטראציאנס-קאסטען פון מאגיסטראט אין דער גרויס 20 פראצענט פון גאנצען בודזשעט. אזוי אויך דאביי וועגען וואס נישט צופרידען געשטעלט געווארען די פאדערונגען און פערלאנגען פון די ברייטע שיכטען פון דער היגער בעפעלקערונג, וואס עס איז אויך געוועזען איינע פון די הויפט - סבות פון דער קורצער עקזיסטענץ פונ'ם ביז-איצטיגען שטאדט-ראט.

אלף.

די עגונה. (4

א העכסט - אינטערעסאנטע געשיכטע פון די לעצטע יאהרען.

פון י. געלוזאהן.

3.

(פארטזעצונג)

זילבערשטיין מיט זיין טאכטער זענען צוריקגעקומען פון דעם פולקאזיניק זעהר נידערגעשלאגען און נישט געוואוסט וואס צו טהון. א לאנגע צייט זענען זיי געזעסען פערווירט צוזאמען מיט שמואל'ן און קיינער האט קיין ווארט נישט ארויסגערעדט, אבער ענדליך האט זילבערשטיין איבערגעריסען די שטילקייט און געזאגט:

דער מאיאר בעגראדצקי וועלכער איז איצט שעף פון דער אינטענדאנטור האט מיט מיר שוין עטליכע מאל גערעדט, אז איך זאל ווייטער האלטען דעם פאדריאד און זאל מיטפאהרען מיט'ן פולק אין קריגס ארײַן, נאר איך האב דאס נישט געוואלט טהון, טראץ דעם, וואס מען קען אין קריגס מאכען א גרויס פערמעגען, האב איך אבער נישט געוואלט איבערלאזען מיין הויזגעזינד און זיך אוועקלאזען אין געפאהר. אבער איצט רעכען איך אז אזוי ווי שמואל וועט געהן אין פולק, זאל איך יא איבערנעמען דעם פאדריאד און פאהרענדיג מיט איהם אין פולק וועט מיר אפשר געלונגען איהם צו בעפרייען, אבער וועניגסטענס אבצוהיטען, אז ער זאל נישט געשיקט ווערען אויפ'ן גרעסטען פייער.

ניין, טאטע—האט שמואל געזאגט—איהר טארט דאס נישט טהון, איהר טארט נישט שטעלען אייער לעבען אין סכנה צוליעב מיר, אויב גאט וועט מיך העלפען אבהיטען וועל איך שוין אויך גראטעוועט ווערען און איהר קענט צוליעב דעם נישט שטעלען אייער לעבען אין געפאהר.

חנה'לע האט נישט געוואוסט, וואס צו זאגען וועגען דער פראגע, זי האט זיך אליין נישט געקענט העלפען, זי האט אפט געוואוסט, אז ווען איהר פאטער וועט מיט זיין אין פולק מיט איהר מאן, וועט דאס זיין פאר איהם א זעהר גרויסע טובה, אבער פארט האט זי נישט געקענט איינשטימען צו ריזיקירען מיט'ן לעבען פון איהר ליבען פאטער, און ווען דער פאטער האט צו איהר געזאגט:

און וואס איז דיין מיינונג חנה'לע?

האט זי געענטפערט: אזוי איז שלעכט און אזוי איז ביטער, איך ווייס אליין נישט וואס מיר זאלען טהון.

זילבערשטיין'ס פרוי, וואס איז אויך געווען אנוועזענד ביי דעם שמועס, האט ארויסגעזאגט איהר מיינונג, אז דערווייל איז דאך נאך די מלחמה נישט אין גאנצען ברען און דאס פולק געהט דאך נישט גלייך אויפ'ן פראנט, איז אפשר גלייך צו איהר מאן זאל יא פאהרען און מעגליך וועט זיך איהם איינגעבען צו בעפרייען איהר איידעם, נישט ברויכענדיג צו שטעלען זיין לעבען אין געפאהר.

זילבערשטיין פלאן האט אויך מיט דעם איינגעשטימט און נאך א לאנגען ישוב-הדעת איז ביי זיי געבליבען אז זילבערשטיין זאל אריבערגעהן צום מאיאר בעגראדצקי און זיך מיט איהם אליין וועגען דער זאך בעראטען.

בעגראדצקי—האט זילבערשטיין געזאגט—איז א הויפט-ערענטליכער מענש און מיר איז ער א זעהר גוטער פרײַנד, ווייל ער האט פון מיר שוין גרויסע טובות געהאט. א דאנק מיין פראטעקציע איז ער געקומען אויף א הויכער שטעלע און איך גלויב אז ער וועט מיר ראטען ווי צום בעסטען.

דער מאיאר בעגראדצקי איז געווען נאך גאר א יונגערמאן, א פעהיגער און איבערגעגעבענער מיליטער - מאן, ערשט נישט לאנג איז ער געווען אונטער אפיציר און א דאנק זיינע פעהיגקייטען איז ער געשטיגען אין ראנג און איז געווארען מאיאר און ערשט בעת'ן אויסברוך פון קריג איז ער געווארען דער שעף פון דער אינטענדענטור פון דעם פולק.

זילבערשטיינ'ען האט בעגראדצקי הערקליך זעהר געשעצט, איהם געהאט פיעל צו פערדאנקען און דער צייט ווען ער איז נאך געווען א נידריגער מיליטער-מאן, און דאריבער איז געווארען שעף פון דער אינטענדענטור האט ער געהאלטען אז זילבערשטיין זאל ווייטער בלייבען פאדריאטשיק, כדי ער זאל האבען די מעגליכקייטען איהם אבצודינגען פאר די טובות וואס זילבערשטיין האט איהם געטהון.

דאביי איז אבער געהען נאך א זאך: בעגראדצקי האט שוין זינט א לאנגער צייט געווארפען א אויג אויף דער שעהנער חנה'לע, זילבערשטיין'ס טאכטער, און וועלכער ער איז געווען שטארק פערליעבט, אבער אזוי לאנג ווי ער איז געווען א נידריגער בעאמטער האט ער נישט געוואגט וועגען דעם צו טראכטען. ערשט איצט, ווען ער איז געווארען מאיאר און לעצטענ'ס בעקומען דעם וויכטיגען אמט פון שעף איבער דער אינטענדענטור האט ער אנגעהויבען האט אמאל מעהר טראכטען וועגען חנה'לען און זי איז איהם מעהר נישט ארויס פון געדאנק.

ווינט חנה'לע האט חתונה געהאט פאר איהר מאן שמואל לעהי איז בעגראדצקי געווארען זעהר אייפערזיכטיג און טראץ זיין פריינדליכקייט איז ער געווען שמואל'ן א דם-שונא. און דאריבער, ווען ער האט געהערט אז שמואל דארף געהן דינען אין מיליטער איז ער געווען זעהר צופרידען און ער האט געהאפט, אז ווען חנה'לע וועט פערלירען איהר מאן, וועט איהם געלונגען זי צו בעזיצען.

און זילבערשטיין האט דאס געוואלט געהן צום מאיאר בעגראדצקי זיך מיט איהם צו בעראטען ווי אזוי אבצוראטעווען זיין איידעם אז ער זאל נישט דארפען געהן אין קריג און מעגליך ווערט געהרג'עט ווערען, נישט וויסענדיג וואס ביי דעם מאיאר אין הארץ קומט פאר און וואסערע פלענער דער איינער יונגערמאן און גוטער פריינד טראכט וועגען זיין טאכטער.

אבער אין דער זעלבער צייט וואס זיי זענען דאס געזעסען און זיך בעראטען איז אויך בעגראדצקי געזעסען ביי זיך אין צימער און געזוכט פלענער ווי אזוי צו ווירקען אויף זילבערשטיין'ען אז ער זאל איבערנעמען דעם פאדריאד, רעכנענדיג אז דאס וועט איהם לייכטער מאכען אויסצופיהרען זיין פלאן וועגען חנה'לען, ווייל ערשטענ'ס וועט זילבערשטיין נישט זיין אין דערהיים, ער וועט מוזען באלד אוועק מיט'ן פולק, און ער אליין בעגראדצקי וועט זיך שוין זעהען צו סטארען אז אפילו ווען דאס פולק וועט אוועק זאל ער נאך קענען דא בלייבען א קורצע צייט, און אזוי ווי חנה'לע וועט זיין אליין אהן איהר מאן און פאטער, וועט איהם מעגליך געלונגען זיין פלאן אדורכצופיהרען.

דער פלאן האט איהם זעהר גוט געפעלען און ער האט געוואלט מיט אלע כוחות איהם דורכפיהרען, און אזוי ווי ער האט שוין געהאט איינינע מאל פארגעשלאגען זילבערשטיין'ען אז ער זאל איבערנעמען דעם פאדריאד און ער האט איהם און דעם אבגעזאגט, האט ער ביי זיך בעשלאסען צו געהן צו איהם נאך אמאל אין דער וואוינונג, און רעדען אויך מיט זיין פרוי, ערקלערען זיי אז עס שטעהט איהם פשוט פאר גליקליך צו ווערען, און מעגליך וועט איהם געלונגען זיי איבערצורעדען.

און ווען זילבערשטיין איז שוין געשטאנען גרייט אוועקצוגעהן צו בעגראדצקי'ן האט זיך די טיער געעפענט און ס'איז אריין נישט קיין אנדערער ווי מאיאר בעגראדצקי אליין.

אלע זענען ערשטוינט געווארען פונ'ם פלוצלונגען ערשיינען פון דעם מענש וועגען וועלכען זיי האבען איצט גערעדט, בעגראדצקי האט דאס בעמערקט און מיט א שמייכעל געזאגט:

איך זעה אז איהר האט זיך עפיס פאר מיר דערשראקען, וואס זאל דאס בעדייטען?

פערקעהרט מיין הער — האט זילבערשטיין געזאגט —מיר האבען ערשט גערעדט וועגען דיר און איך האב גע-ראד געוואלט צו דיר געהן, זעץ זיך אוועק, טייערער גאסט און מיר וועלען זיך אדורכשמועסען.

(פארטזעצונג קומט)

Wszyscy muszą wiedzieć,

iż **mydło JELEŃ-SCHICHT** jest nietylko gwarantowanie czyste, ale przedewszystkiem tanie dzięki swej wydajności.

W dzisiejszych ciężkich czasach nie wolno niszczyć swej drogocennej bielizny przez używanie różnych nieznanych mydeł dlatego tylko, że są tanie.

Każda gospodyni, dbała o czystość i całość bielizny, używa tylko znanego od dwuch pokoleń

MYDŁA JELEŃ-SCHICHT

Wystrzegajcie się falsyfikatów i zwracajcie uwagę na markę

JELEŃ-SCHICHT!

פרייע טריבונע.

װעגען דער אייר־סיון אקציע פאר דער היגער בית־יעקב שולע.

איך גלויב אז ס'איז איבעריג זיך ברייטער אפצושטעלען איבער דער װיכטיגקייט פון דער ארטאדאקסישער פרויען־בעװעגונג בכלל און דעם „בית יעקב" שול־װעזען בפרט. עס איז שוין פאר אלעמען א קלארע זאך, אז די דאזיגע בעװעגונג איז א לעבענס־נויטװענדיגקייט. א זאך װאס דאס לעבען האט געפאדערט און האט דעריבער געמוזט צום אויסדרוק קומען. עס אונטערליגט שוין נישט קיין שום צווייפעל אז דאס „בית־יעקב" שול - װעזען איז געװען א געבאט פון דער שעה, װעלכעס האט אומבעדינגט געמוזט בעריקזיכטיגט װערען.

די „בית יעקב" שולע װאס איז פאר א האלב יאהר צוריק ביי אונז אין שטאדט געגרינדעט געװארען, האט בעװיזען פיעל צו לייסטען לטובת דער רעליגיעזער ערציהונג פון איהרע יונגע שילערינס. זי האט בעװיזען אין דער קורצער צייט צו דערװעקען ביי זיי די בעגייסטערונג פאר די אמת־יודישע קולטור־אוצרות, דעם פיעטעט פאר אונזערע גרויסע גייסטער פונ'ם עבר און הוה און דער עיקר, זיי בעקענט מיט דעם בעלעסט יודישע מצות און טראדיציאנעלע מנהגים, װעלכע זענען ביז יעצט פאר זיי איננאנצען פרעמד געװען, און דעריבער האט זיך די שולע ערװארבען די סימפאטיע און אנערקענונג פון די היגע יודישע עלטערן.

אבער מיט דעם בלויז איז נאך די פראגע הייט נישט געלעזט. הונדערטער יודישע קינדער װארטען נאך מיט אונגעדולד אויפגענומען צו װערען אין דער שולע, און צו קענען געניסען פון דעם יודישען קװאל. פיעל יודישע עלטערן קוקען שוין אויס דעם מאמענט, אז די שולע זאל פערגרעסערט װערען און אויך זיי זאלען מיט א רואיג געװיסען דאדט קענען אװעקגעבען זייערע קינדער זייענדיג זיכער אז זיי װעלען ערצויגען װערען אלס שטאלצע פרום-נאציאנאלע יודענס, מיט דעם פולען בעװאוסטזיין פאר דער הײליגער און ערהאבענער ראלע, װאס זיי האבען אין דער יודישער געזעלשאפט צו ערפילען.

און אפילו פאר דער קליינער צאהל יודישע קינדער װאס בעזוכען יא די רעליגיעזע קורסען, גענינגענט אויך נישט די שולע און איהר יעצטיגער פארם, װייל אויב מיר װילען אז זי זאל קענען פולשטענדיג ערפילען איהר אויפגאבע: צו ערציהען א גייסטיג-געזונדע יודישע טאכטער, װאס זאל זיין װידערשטאנדס-פעהיג די שטראמען פון צייט - גייסט און זאל נישט מיט זיי מיטגעריסען װערען, טארען מיר זיך נישט בעגנינענען מיט דער רעליגיעזער ערודיציע װאס די שילערין בעקומט אין דער „בית־יעקב"-שולע אלס רעליגיעזע קורסען, װייל כל זמן די יודישע טאכטער װעט מוזען צוליעב װעלטליכע בילדונג בעזוכען די פאלקס-שולע, כל זמן זי װעט צוליעב'ן פערפאלקטען זיך אין אנדערע קענטענישען, פערברענגען אין דער אטמאספערע פון דער פאלקס-שולע, איז נאך די געפאהר כלל נישט בעזייטיגט.

מיר דארפען זיך אויך אבגעבען א רעכנונג פון דער שלעכטער װירקונג װאס ס'האט אויפ'ן קינד די סביבה אין דער פאלקס שולע, װעלכע איז אומשטאנד נישט בלויז אפצושװאכען נאר װאגאר געגצליך צו פערװישען דעם איינדרוק פון די רעליגיעזע קורסען, װייל אין דער צייט װאס בילדונג װירקט אויפ'ן מענשענס געדאנק, לאזט אין גאנג זיין דענקינגס אפאראט און דער װעלכער צייט װירקט די סביבה אויף זיין געפיהל און לענקט עס אין א געװיסער ריכטונג. און דעריבער אויב מיר װעלען זיך נור אבגעבען מיט'ן אויסבילדען דעם רעליגיעזען געדאנק ביי דער יודישער טאכטער און דאנגענען איהר געפיהל, װעלכעס איז אגב זעהר עלאסטיש און ביגזאם װעלען מיר איבערלאזען פאר אנדערע, דאן איז כמעט אונזער גאנצע ארבייט צוקלאפט, װייל די ערפאהרונג האט אונז געװיזען, אז דער מענש רעכטעט זיין לעבען נישט װוי עס לערנט איהם דער געדאנק, נאר װי זיין הארץ און געפיהל, נישט און אויסגעהאלטען, נאר אזוי װי עס דיקטירט איהם דאס בלינדע געפיהל, מיר דארפען דע יבער שטרעבען צוגלייך מיט'ן איבערליפערן דער יודישער טאכטער דאס רעליגיעזע װיסען און מאראל אויך צו לערנען איהר געפיהל אין דער געװינשטענער ריכטונג. און דאס קען געשעהען נור דאן װען זיי װעט אין דער רעליגיעזער סביבה געפינען אלץ װאס איז פאר איהר נויטיג און נוצליך.

נעהמענדיג דאס אלעס אין אכט האט די „בית - יעקב" - פערװאלטונג אונטערגענומען א גרויסע אקציע מיט'ן ציעל צו פערגרעסערן די „בית יעקב" שולע און איהר יעצטיגער פארם און אינהאלט, אויב די מאטעריעלע מעגליכקייטען װעלען דערויף ערלויבען, איהר צוצופיהרען צו דער מדרגה פון א פאלקס-שולע מיט אלע יורידישע רעכט און צו דעם צװעק האט זי פראקלאמירט די חדשים אייר סיון פאר א גרויסער זאמלונג לטובת דעם דאזיגען ציעל.

די דאזיגע אקציע װעלכע ציעלט אפצוראטעװען דעם שארית הפליטה פון דער יודישער פרויען יוגענד, מוז געפינען א װארימען אפקלאנג אין די הערצער פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג אהן אונטערשייד פון פארטיי און ריכטונג. עס מוז א סוף נעמען צו דער גלייכגילטיגקייט און אפאטיע װאס האט בעהערשט די ארטאדאקסישע מחנה לגבי דער ערציהונג פון זייערע אייגענע קינדער און װעלכע האט זיך שוין און זיי אליין בזמער נוקם געװען.

עס מוזען אויפ'ן רוף פון דער בית־יעקב שולע ענטפערן די אלע ביי װעמען עס טליעט נאך דער יודישער פונק, װעלכע דארפען מיט דער יודישער נדיבות און ברייטהערציגקייט א־קעגענטראגען די זאמלער גרעסערע שפענדונגען כדי אזוי ארום אפצוצאהלען דעם חוב װאס זיי זענען שולדיג זייערע אייגענע קינדער. ה. ב. ר.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „הכנסת אורחים".

זונטאג דעם 29-טען ד. ח. איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „הכנסת אורחים".

די פערזאמלונג עפענט דער פרעזעס פון דער געזעלשאפט ה' י. ס. עפשטיין, עס װערט בעעהרט דאס אנדענקען פון געשטארבענעם עהרען-פרעזעס ה' נ. גערליכטער. אלס פארזיצער װערט אויסגעװעהלט דער עהרען-פרעזעס ה' ש. ניעמיראװסקי, אלס ביי־זיצענדע די ה"ה גלעחוצקי, שטרויסבערג, שעפטעל, ז. בראט און ש. הילינגער.

פון דעם בעריכט װאס עס גיט אב ה' פ. עפשטיין, װייזט זיך ארויס אז די „הכנסת אורחים" ענטװיקעלט א גרויסע טעטיגקייט, עס זענען דא עטליכע דרייסיג בעטען מיט בעטגעװאנט און די אורחים װערען בעהאנדעלט אויפ'ן בעסטען אופן.

דורכשניטליך נעכטיגען א נאכט עטליכע צװאנציג פערזאן, אז אין משך פון יאהר האבען גענעכטיגט 5,400 פערזאן, הינטער געקומען זיי אויך טעה מיט צוקער.

דעם קאסע בעריכט גיט אב דער סעקרעטאר ה' סאסנאװסקי. פון דעם בעריכט װייזט זיך ארויס אז דער הכנסת אורחים האלט זיך אויס בלויז פון מיטגלידס-ביישטייערן און פרייװילינע נדבות אויך פון חתונות, און נישט קוקענדיג אויף דעם איז דא אין דער קאסע א סאלדא פון איבער טויזענד זלאטעס.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה װישניעפסקי, שטרויסבערג, א. עפשטיין, קלין, ניימארק. אלע זאגען זיך ארויס אז די פערװאלטונג האט געטהון אלעס, װאס איז נאר געװען מעגליך, כדי אויסצוהאלטען אויף דער געהעריגער הויך די אינסטיטוציע װעלכע איז געװען א הקדש און זי פערװאנדעלט אין א שעהן פרעכטיג הויז.

ה' ניעמיראװסקי דערמאנט די קרבנות װעלכע זיינען געפאלען אין 27-טען מאי 1919 פון מערדאס און בעט צו בעעהרען זייער אנדענקען מיט אויפשטעהן.

ער דאנקט די אלע, װעלכע האבען געארבייט מיט איבערגעגעבענהייט פאר דער געזעלשאפט.

דער בעריכט װערט אנגענומען און עס װערט אויסגעדריקט צוטרויען די אלטע פערװאלטונג.

דער בודזשעט, װעלכער װייזט פאר אויפ'ן לויפענדען יאהר די סומע פון 5,500 זלאטעס װערט אנגענומען.

אין דער פערװאלטונג װערען אויסגעװעהלט פאלגענדע ה"ה: י.ס. עפשטיין, ש. קלין, א.עפשטיין, העניך לעפידות, ד. פאביאש, י. י. טענענבוים, ס. פאשקאװיטש, אהרן מערין, י. מעלעכאװיטש, א. נוימארק, ב. טענענבערג, ש. גרויץ, ה. עפשטיין, ש. אבערמאן, ש. זילבערבערג, אלס קאנדידאטען: ש. עפשטיין, פ. מערין, אהרן עסיג, ש. הילינגער, ש. האפגונג, ש. ראזענצװייג. און דער רעװיזיאנס-קאמיסיע: ש. גלעחוצקי, א. חלאדאװסקי און א. גליקסמאן.

נאכדעם װי עס װערען אנגענומען עטליכע פערשלאגען בנוגע דאס אפצאהלען דעם היפאטעק װאס שטעהט אויף דעם הויז װו עס געפינט זיך די געזעלשאפט װערט די פערזאמלונג געשלאסען.

קליינער פעליעטאן.

מיין שכנ'ס פילאזאפיע.

מיין שכן ר' יודל האט א טבע תמיד מיט מיר צו פילאזאפירען, שטענדיג װען איך קום אהיים פון דער ארבייט װארט ער זיך מיט מיר אװעק שמועסען װעגען עניני עולם הזה, װארום מיין ר' יודל איז באמת א שטיק פילאזאף, און יעדער זאך, פון יעדען געשעהעניש זעהט ער א שטיק אויפטהו, עס צ. ב. ש. בעת עס איז פארגעקומען די מאי רעװאלוציע האבען דאך מיר פראסטע בשר ודם'ס פערשטאנען מיט אונזער פראסטען שכל אז פילסודסקי, דער װעלכער האט געקעמפט פאר דער אומאבהענגיגקייט פון פוילען האט נישט געקענט צוקוקען װי די פויערושע חברה מיט װיטאס'ן בראש מאכען א תל פון דער מדינה, האט ער געמאכט א מאראלישע רעװאלוציע, דאס הייסט פשוט גענומען די חברה לאפיטומען ביים קארק און זיי ארויסגעשמיסען. אזוי פערשטעהן מיר, אונזער ר' יודל לייגט אבער און דעם אריין זיין פילאזאפישען בליק, ביי איהם קומט אויס אז די מאי רעװאלוציע האט געמוזט זיין נאר צוליעב עפיס אנדערש, עס האבען געמוזט פאלען עטליכע הונדערט קרבנות מען האט געמוזט מאכען א שנוי און ס'איז בעסער געװארען, אזוי אז דעם לאנד געהט נישט בארג ארויף אזוי װי עס איז געגאנגען פאר דער מאי־רעװאלוציע...

אזוי האט ער זיך זיין פילאזאפיע בנוגע צו דער רעװאלוציע אין כינא, טויזענדער יאהרען האט זיך געלעבט א פאלק א געלע ראסע דארט, אין דעם הייסען מורה און זיין שטול, מען האט נישט געהערט פון זיי און פלוצים רעװאלוציעס, נאציאנאלע אויפשטאנדען, קאמוניסטישע איבערקעהרענישען. און ר' יודעל ברענגט ראיות פון מדרש און פון אנדערע ספרים, װעלכע שרייבען אז עס װעט קומען א צייט װען עס װעט אויפשטעהן א גרויס פאלק, און װעט בעהערשען די װעלט, און דאמאלס װעט משיח קומען. און אונזער ר' יודל איז א יוד א מאמין, ער גלויבט אז װאס גרעסער די צרות זענען אלץ נעהנטער איז צו דער גאולה, און ער איז זיכער אונזער ר' יודל אז די געשעהענישען װעלען זיך אזוי ענטװיקלען אז עס װעט קומען צו א װעלט - איבערקעהרעניש, און דעם װיל ער פון גאנצען הארצען װייל עס איז שוין נישט אויסצוהאלטען, זאל זיין װאס עס װיל נאר א סוף זאל עס נעמען.

אויך װעגען די שפאניען - פאליטיק האט זיך ר' יודעל זיין בליק, פארװאס פרעגט ער נעמט מען אזוי פיעל שטאטערען, פארװאס האבען יודען געלעבט אזוי פיעל הונדערטער און טויזענדער יאהרען, און מען האט זיי געטריבען, מען האט זיי געפייניגט ער חרפות, גזירות, צרות און גירושים, זיי זענען געװען רעכטלאז און מעפטלאז, פונדעסטװעגען האט מען זיי נישט געקאנט מאכען ארים, פערקעהרט, דעמאלט האבען יודען געהאט די איינציגע מעלה, װאס מיט די פאר גילדען האבען זיי זיך געקאנט אויסקויפען פון אלע צרות. און היינט װען זיי האבען אלע בירגער רעכט, װען זיי האבען לויט דער קאנסטיטוציע שוין נישט קיין בעזונדערע אויפנאם-געזעצען איז פונדעסטװעגען דא א מיטעל װעלכע מאכט פון זיי א תל, װערען זיי אביונים, ארימע לייט. אונזער יודעל נעמט זיך אבער דאס אויך נישט צום הארצען. ער טרייסט זיך דערמיט װאס עס װעט מקוים װערען דער מאמר װאס זאגט אז װען משיח װעט קומען װעט זיין כלה פרוטה מן הכיס, און מען זעהט עס בחוש, אז פון טאג צו טאג װערט עס מקוים און אונזער יודעל זאגט אז דאס איז א הויכע מדרגה, אז מענשען װעלען װייניגער האבען צו טראכטען פון גשמיות, זיי װעלען אויפהערען צו האבען די תשוקה צום עגל הזהב, מחמת זיי װעלען זיך איינציגװייז אבגעװאהנען דערפון און װעלען זיך פערנעמען מעהר מיט רוחניות, און דאס איז זעהר א גוטער סימן..

אויך װעגען אונזערע היימישע ענינים האט זיך ר' יודעל זיין פילאזאפיע, איינענטליך פארװאס װיל מען צוטריבען דעם שטאדט - ראט? איז דער תירוץ, אז דא ליגט בעהאלטען א טיפע פאליטיק, היות אזוי װי אין פוילען נעהמט איצט א פילסודסקי פאליטיק און נישט נאר בלויז דער סיים דארף זיך און מוז זיך רעכענען מיט דעם שניט, נאר אויך די שטאדטישע פארלאמענטען דארפען בעהערשט װערען פון דעם זעלבען מין, או מהאי טעמא, װעלען די װאהלען צום נייעם שטאדט - ראט נישט פארקומען אזוי שנעל, מחמת אונזער נייער קאמיסאר װיל דערשמעקען די טשענסטאכאװער לופט, ר"ה מיט װאס עס שמעקט און ער װיל אז אויך מיר טשענסטאכאװער זאלען דערפיהלען מיט װאס ער שמעקט...!

אויך דער פאקט, װאס אין װארשא זענען צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע צוגענומען געװארען צװיי יודען אלס טראמװיי - פיהרער, געהט נישט פארביי ביי ר' יודעל'ן אזוי גלאטט. היתכן?—זאגט ער. שטעלט אייך פאר אז דאס קען נאך צופיהרען מי יודע װי װייט. װארום מאמר געשעהט חס ושלום א קאטאסטראפע מיט א טראמװיי װאס א יוד פיהרט, װעלען מיר, יודען, דאך זיין איינגעשטעלט מיט'ן לעבען, דאס װעט הייסען אז מיר, יודען, דאס גאנצע פאלק ישראל איז שולדיג. אזוי װעט אויך זיין מיט באהנען, װאס יודישע מאשיניסטען װעלען פיהרען. זייט פארזיכטיג! — שרייט אויס ר' יודעל — יודעלעך מאכט נישט קיין קאטאסטראפעס, װארום איהר מוזט װיסען אז פאר אייך איז פעראנטװארטליך דער גאנצער יודישער כלל...

נאר אם מערסטען אינטערעסירט זיך ר' יודעל מיט לופט - פליהקראפט. דאס איז נאר א נייע צרה שלא תבא. שטעלט אייך פאר אז מענשען װעלען פערגעסען דאס װארט פונ'ם פויגעל. דאס גאנצע לעבען װעט פערלירען זיין נארמאלען גאנג, עס װעלען אויפהערען צו פונקציאנירען באהנען, שיפען, עס װעלען אפגעשאפט װערען גרעניצען, װער שמועסט די גזירה אז א אויסלענדישער פאס זאל קאסטען 500 זלאטעס װעט דאך בעשטימט קיין װערט נישט האבען. עס װעלען מוזען אפגעשאפט װערען די קיוטעס מיט די אלע צרות װארות, שטעלט אייך פאר עס װעט דאך ממש קומען א צייט. װען יעדער װעט האבען א משינדעל װאס װעט קענען טראגן און א הענט-טעשול און אז מען װעט עס געבען א דריק װעט עס זיך אויפהויבען אין דער הויך און הייא אין עק װעלט אריין.

אז עמיצער װעט זיך קריגען מיט'ן װייב װעט ער נישט דארפען געהן צום רב זיך גט'ן, ער גייט א קװעטש דאס מאשינדעל און װאינגו, משה זוך מיך.

דעם פליהער לינדבערג, װעלכער איז אריבערגעפלויגען פון אמעריקא קיין פאריז פערשעלט ער די יאהרען, דען יעדע פרוי װעט פאדערן ביי איהר מאן אז ער זאל איהר מאכען אזא פערגעניגען. און אויך אין דעם זעהט ר' יודעל א טיעפען געדאנק. ער זאגט אז עס דערנעהנטערט זיך די צייט, װען מענשען װעלען אויפהערען צו געהן אויף דער ערד, װעט דאך ממילא די װעלט אויפהערען צו זיין א װעלט. מען װעט נישט בויען, מען װעט נישט אקערען און נישט זייען, עס װעט זיין כלו שבת, עס װעט נישט זיין די הערשונג פון גוף, נאר פון דער נשמה.

א שאד, ענדיגט ר' יודעל זיינע הויכע פילאזאפישע געדאנקען, װאס מיר דא אין טשענסטאכאװ האבען נישט אזעלכע פליה-מאשינדלעך, װארום די לעצטע צייט װען די געזעלשאפט אוילען איז אונז מזכה מיט קאנאליזאציע איז דערװייל אונמעגליך צו געהן אין דער גאס, דען מען פערלירט די פיס.

און דער נייער אינערן - מיניסטער האט ארויסגעגעבען זיינע בעפעהלען צו רייניגען און צו פאלירען די גאסען מיט די הייזער אז ס'איז שוין באמת נישטא װאו זיך אהינצוטהון און מ'װעט מוזען א יושר צו װאוינען אין דער לופט, אגב דארט װעט מען אפשר פריי געהן אויך פון אנדערע קלאפאטען.

דערװייל ענדיגט מיין שכן, ר' יודעל, קומט שבועות אין לאנד אריין, מען דארף האבען אויף יום - טוב און פון דער גאנצער פילאזאפיע האט ער נישט געקענט ארויסבעקומען און דערגעהן פון װאנען מען נעמט דאס.

סמאל.

א געשמאַקע נאָכשפּייזע

ביי יעדען טיש איז דער דעסער צוגעגרייט אויפ'ן בודין - פּראָשעק פון דר. עטקער.

דער דעליקאַטער אַראָמאַט און אויסגעצייכענטער געשמאַק צייכענען אויס שאָקאָלאַדען בודינג פון דר. עטקער, אזוי געוועהנליכע ווי דעסערטווייז. פערשרייבען אויף א ...
לעפעל און שנעלען אַרט צוגרייטען געפונט זיך אויף יעדער אָריגינעלער פּעקעלע. מען דאַרף אכטונג געבען ביים קויפען אויף דער שוץ-מאַרקע „עטקערס העלקאָפּף"
און אַכטערפען אלערליי נאָכשפּייזען. אויסגעצייכענטע פאָרשריפטען אויף בודינג'ס און גאַלאַרעטען ענטהאַלט
עטקערס נייע ביכעל אויסגאַבע F וועלכע איז פערזעהען מיט קאָלירטע אילוסטראַציעס. אינ'ם ביכעל געפונען זיך
איינצעלהייטען וועגען דעם אויסגעצייכענטען אַפּאַראַט צום קאָכען "podziw kuchni". א דאַנק וועלכען מען קען
ביי א קליינעם פייער באַקען, פּרעגלען און קאָכען. א ביכעלע קען מען
בעקומען אין יעדען געשעפט פאַר 40 גר. און אין פאַל ווען עס פעהלט
בעט מען זיך ווענדען בריעפליך א פּאָסט-מאַרקע צו

Dr. A. Oetker, Oliwa.



1. Gala - Budyń czekoladowy z sosem waniljowem. 2. Budyń waniljowy z renglodami.

קענען די צייט האט עס מען געקענט אָפען האַלטען די געוועלבער, האָבען פערנעמען זיך בלויז מיט'ן פערקויפען וואַרע-טע-פּעי און צוקערוואַרג, וועלכע דאַרפען לויט'ן געזעץ געניסען פון איבער-שעה'ן, און וועלכע זיי מעגען אָפען האַלטען לענגער ווי אַנדערע געוועלבער.

איצט האט מען אויך געשטערט די דאָזיגע געוועלבער אז זיי זאָלען נישט טאָרען אָפען האַלטען לענגער, און דאס האָט געהיים אונטערגעגראָבען זייער עקזיסטענץ.

די אייגענטימער פון די דאָזיגע געוועלבער האָבען זיך דעריבער געוואַנדען אין דער גמינע און געבעטען אז מען זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין, אז זיי זאָלען ווייטער מעגען אָפען האַלטען יעדען טאָג ביז 10 אייגער אָוועגר און ווינטאַג נאָכמיטאָג.

די גמינע האָט זיך מיט דער דאָזיגער ווילמינגער פראַגע אָנגעהויבען פער-אינטערעסירען און זי האָט וועגען דעם אָנגעשיקט א געהעריגען מאַטעריאַל צום פּאָליציי - קאָמענדאַנט. די קהלה-פּרעזעסען די ה"ה גאָלדשטיין און העקסלער האָבען אויך פּערזענליך אינטערווענירט ביים פּאָליציי קאָמענדאַנט ה' קאָטשינסקי, וועלכער האָט זיי אין אָנהויב ערקלערט אז דאס מאָל איז דער פערבאָט געקומען נישט פון איהם נאָר פון סטאַראָסטאַ, און ער קען אין דער פראַגע גאָרנישט טהון.

די אויבענדערמאַנטע העררען האָבען זיך דאַן געוואַנדען אויך צום סטאַראָסטאַ און נאָכדעם ווי דער סטאַראָסטאַ האָט זיך פערשטענדיגט מיט'ן פּאָליציי קאָמענדאַנט, וועלכער איז געווען דערפאַר אז דער וואונש פון די געוועלב אייגענטימער זאָל ערפילט ווערען, איז די פראַגע ערלעדיגט געוואָרען לטובת די אייגענטימער, אזוי אז די געוועלבער האָבען צו פערקויפען בלויז וואַרע-טעפּער און צוקערוואַרג וועלען מעגען יעדען טאָג אָפען זיין ביז 10 אייגער אָוועגר און ווינטאַג פון 1 נאָכמיטאָג.

אַפּעריסטען.

אין דער קאַנצעלאַריע פון היגען ראַבינאַט האָבען זיך געמעלדעט צוויי יונגעלייט, וועלכע האָבען געבעטען, אז דער רב זאָל בעשטעטיגען זייער א שריפטליכע ווענדונג צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועגען שענקען שטיצע פאַר א היגען לונגען-קראַנקען צדוק העלפמאַן. די דאָזיגע ווענדונג איז געשריבען געווען אויף א שרייב-מאַשין אין דער פּוילישער שפּראַך און אויף איהר האָט זיך געפונען די אונטערשריפט פון ד"ר פינקעלשטיין — אויך געשריבען מיט דער שרייב - מאַשין.

אזוי ווי דעם רב האָט די זאַך אויסגעזעהען פערדעכטיג, האָט ער זיך פערשטענדיגט טעלעפאָניש מיט'ן ד"ר פינקעלשטיין, וועלכער האָט ערקלערט, אז ער האָט גאָר בעשייניגונגען קיינעם נישט אַרויסגעגעבען.

די היגע יודישע בעפעלקערונג דאַרף דעריבער זיין געוואָרענט נישט צו לאָזען זיך אויסנאַרען דורך אזעלכע אַפּעריסטישע שטיק.

בעקאַנטמאַכונג.

עס ווערט בעקאַנט געמאַכט די מיטגלידער פון קליינהענדלער-פעראיין וועלכע האָבען ערהאַלטען אויפפאָדערונגען צו בעצאָהלען מיטגלידס-ביישטייערן און זיי האָבען לויט דעם אָנגעוויזענעם טערמין דאס נישט ערלעדיגט, וועלען לויט אונזער סטאַטוט סיסטעמאַטיש אויס מיטגלידער און וועלען זיין אויסגעשלאָסען פון דער מיטגלידער-ליסטע.

די פערוואַלטונג פון
קליינהענדלער-פעראיין.

קאַה.; די מעטינקייט פון מאַי אין טשענסטאָכאָוו, אין אַנוש, פּשיפּוסקער: די בעציהונג פון דער יודישער געזעלשאַפט צו מאַי.

פאַר'ן געזונד און צופרידענהייט

פון דער גאַנצער פאַמיליע ניחלט זיך פערשנשטאָפּליך די חירפון פון הויז, נישט קיין קליינער עול איז עס צוליעב דעם הערשענדען יקרות. אין דעם א דאַנק צום קלייגע אויסגאַבע, וועלכען עס פערלאַנגט עטקער'ס בודינ'ס, קען מען פערשיידענאַרטיגען דעם טיש און בעקומען שלעסען'ס אַנערקענונג. עטקער'ס בודינ'ס וועגען שפּייז, געשמאַק און ביליג. איין פּעקיל גענוגט פאַר 6—3 פּערזאָן. עס איז נישט דאַר'בער שווער די אויסגאַבע איינצושפּאָרען ביי עפּיס אַנדערש.

ד"ר גרשון לעווין אין טשענסטאָכאָוו.

ווי מיר הערען געוואוער זאָל אונזער שטאָדט בעזוכען אין די נאָהנטסטע טעג דער פּרעזעס פון דער „מאַי"-צענטראַלע אין פּוילען ד"ר גרשון לעווין.

דעם אָנקומען פון ד"ר לעווין וועלכער איז אזוי בעריהמט און פּאָפּולער צווישען די פּוילישע יודען אַלס ענערגישער איבערגעבענער עסקן און כלל-טהוער, און פילאַנטראָפּישער רעדנער, האָט אַרויסגערופען די גרעסטע פעראינטערעסירונג צווישען אַלע קרייזען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

א יודישע אָפּערעטע טרופּע אין טשענסטאָכאָוו.

אויף די יום-טוב טעג וועלען ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו גאַסטראָלירען א יודישע אָפּערעטען טרופּע אונטער דער לייטונג פון ה' ל. ביאַלקאַמיטש.

אין דער טרופּע בעטהייליגען זיך צווישען אַנדערע דער בעוואוסטער קאָמיקער פון ווילנער יודישען טעאַטער ה' מאַקסימאָף, און דער ליבהאָבער זינגער ה' זובאַק אַרטיסט פון ווילנער יודישען פאָלקס-טעאַטער. אויסער דעם בעטהייליגען זיך אין דער טרופּע די בעקאַנטע ביי אונז אין שטאָדט, פרויען: סעגאַל, חיינבערג, ראָזענצווייג, פּראַגער א. אַנד. מענער: ביאַלקאַמיטש, ווענער, גאָלדבערג, לורנער, לייבאָוויטש א. אַנד.

די גאַסטראָלען הויבען זיך אָן שבת 9 אָוועגר, עס ווערט געשפּילט די וועהר קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען „דער חתן אין אַמעריקא". זונטאָג 9 אָוועגר ווערט געשפּילט די אונשטערבליכע דראַמאַ פון ש. אַנסקי „טאָג און נאַכט".

עס איז צו האָפען אז דאס יודישע פּובליקום וועט אויסנוצען די געלעגענהייט און וועלען די פאָרשטעלונגען צאָהלרייך בעזוכען.

די געוועלבער פון וואַרע-וואַסער וועלען ווייטער מעגען אָפען זיין ביז 10 אָוועגר.

ווי בעוואוסט קומט יעדעס יאָהר פאָר אין אונזער שטאָדט א ענדערונג

וועגען די פינאַנס - שטעטען אויפגעשטעלטערט באַלד אָנצוגרייטען פעסטע מיטלען מיט'ן צוועק איינצושטעלען די נאָך נישט בעצאָהלטע פאַלענדע שטייערן:

1) די נישט איינגעצאָהלטע מאָנאַטליכע ראַטעס פון דעם אומזאַץ-שטייער פאַר'ן יאָהר 1926 צוזאַמען מיט די שטראָפען.

2) די גאַנצע סומע פון אומזאַץ-שטייער וואס קומט נאָך נאָכ'ן אַראָבּרעכנען די איינגעצאָהלטע ראַטעס.

וועגען די מיטלען וואס ווערען דורך די פינאַנץ-שטעטען אָנגענומען און וועגען די רעזולטאַטען וואס זענען דערגרייכט געוואָרען דאַרף דעם מיניסטער געמעלדעט ווערען שפּעטסטענס ביז'ן 5-טען ד. ח.

Perlmuttera Ultramaryna
jest bezwzględnie najlepszą i najwygodniejszą farbą do bielizny, wapna i celów malarskich.
· Odznaczona na wystawach w Brukseli i Medjolanie złotymi medalami.
Wszędzie do nabycia.

ענדערונגען אין די אַמטירונגס - שעה'ן.

אַלע מיניסטעריום'ס האָבען אַרויסגעשיקט אין אַלע רעגירונגס - אַמטען צירקולאַרען לויט וועלכע די מעטינקייט-שעה'ן אין אַלע אַמטען וועלען געענדערט ווערען אָנהויבענדיג פון 1 ד. ח. אויף פאָלגענדען אופן:

אַלע אַמטען וועלען זיין מעטיג אָנהויבענדיג פון 8 פריה ביז 3 נאָכמיטאָג און אין שבת ביז האַלב 2 נאָכמיטאָג.

די יקרות-ירידה אין טשענסטאָכאָוו.

דן היגען סטאַטיסטישע קאָמיטע האָט אויף איהר לעצטער זיצונג בערעכנעט און פעסטגעשטעלט די יקרות בעוועגונג אין אונזער שטאָדט אין משך פון חודש מאַי.

לויט די דאָזיגע אויסרעכנונגען איז דאס יקרות אין משך פון דעם דאָזיגען חודש אין פערגלייך מיט די פריהעריגע מאָנאַטען געפאַלען מיט 0,7 פּראָצ. אזוי אַרום וועלען די אויסהאַלטונגס-קאָסטען פון אַנ'אַרבייטער - פאַמיליע פון 4 פּערזאָן בעטרעפען צו 5,80 זל. טעגליך.

אינפאָרמאַציאָנס-פערזאַמלונג פון „מאַי".

די היגע „מאַי"-אָפּטהיילונג אָרדענט אָן 2 אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציאָנס פערזאַמלונגען פאַרען שבת דעם 4 יוני האַלב 9 אָוועגר אין לאָקאַל פון סיח"ים אין פאַבריקאַנטען - פעראיין, און זונטאָג דעם צווייטען טאָג שבועות אין לאָקאַל פון האַנדווערקער - קלוב אַלעע 40.

די פערזאַמלונגען קומען פאָר א. ד. ט.: די ציעלען און די מעטינקייט פון „מאַי". עס וועלען רעפערירען די ה"ה פ. שפּירא: די געזעלשאַפטליכע אויפגאַבען פון מאַי, ד"ר בראַם: די מעטינקייט פון מאַי אין פּוילען, ד"ר סמ.

אַרום דערוויילינגען מאַגיסטראַט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דערוויילינגען מאַגיסטראַט זענען בעהאַנדעלט געוואָרען א גאַנצע רייהע פראַגען, וואס זענען פערבונדען מיט'ן אויסבעסערען פערשיידענע געביטען פון דער שטאָדטישער ווירטשאַפט.

אין דער ערשטער רייהע האָט דער קאָמיסאַר ה' נעמטעל בעקאַנט געמאַכט די מיטגלידער פון בעראָט מיט דעם פּראָיעקט וועגען ווענדען זיך צו דער באַנק פון לאַנדעס ווירטשאַפט, וועגען אויספועל'ן א לאַנג-טערמינינע הלואה, כדי צו דעקען די פערלענגטע ראַטעס, וועלכע די שטאָדט דאַרף בעצאָהלען די געזעלשאַפט „אולען", און אויך גלייכצייטיג אויספועל'ן דאס עס זאָלען פערקלענערט ווערען די שטראָף פּראָצענטער פאַר'ן נישט איינצאָהלען די ראַטעס צו דער צייט פון 20 פּראָצענט אויף 14 פּראָצענט.

דאס בעקומען די דאָזיגע הלואה וועט מעגליך מאַכען דעם מאַגיסטראַט אויסצופיהרען דעם געהעריגען בודושעט, און אויך נאָך האָבען איינקונפטען פון חשמל'ליכטונג און קאַנאַליזאַציע.

אויסער דעם ווערט אויסגעאַרבייט א פּראָיעקט פון רעגולאַמין וועגען די נאָכנעמענדיגע בעציהונגען צווישען „אולען" און דעם מאַגיסטראַט.

דער דאָזיגער רעגולאַמין איז אויך בעטראַכט געוואָרען אויף א ספּעציעלער שטאָדטראַטינגער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט פערשטעהער פון דער געזעלשאַפט „אולען".

דאַן איז בעשטימט געוואָרען צו בעשטימען אַלס קאָנטראָלער פון די אולען רעכנונגען דעם ה' באַראַבאַנאָף, צוזאַמען מיט א נאָכפאָלגער דעם ה' האַלמשאַק, וועלכע וועלען אונטער דער לייטונג פון קאָמיסאַר שוין צונויפרופען צו זייער אַרבייט. די דאָזיגע אַרבייט וועט אין משך פון 6 וואָכען פערענדיגט ווערען און דאַן וועט פערפאַסט-שטעלט ווערען א פּראָגראַם פון פיהרען א כשר'דיגען קאָנטראָל איבער „אולען".

דאַן איז אָנגענומען געוואָרען דער פּראָיעקט פון סטאַטוט וועגען צאָהלונגס-רעכענונג פון די הייזער, אזוי אַרום וועט אַדורכגעפיהרט ווערען א ריכטיגע קאָנטראָליע פון די הייזער.

דאַנק דעם פאָרגעקומענעם, דאס די הויזווירטען, וועט וועלען דעם נויטיגען רעסטאַנט אַדורכפיהרען פר הער. ביי-צייטען'ס אַזוי'ר עס ווערט פערצערענט דער זהאַננס - רעסטאַנט, וועלען געניסען פון געהעריגע הנחות.

צום סוף זענען בעטראַכט געוואָרען איינינע פּונקטען פון בודושעט, ספּעציעל פון די אַדמיניסטראַציע - אויסגאַבען.

דאָמיט איז די זיצונג געשלאָסען געוואָרען.

ווי עס איז צו זעהען איז דער קאָמיסאַר צוגעטרעטען אויף א גאַנץ ענערגישען אופן צו רעגולירען א גאַנצע רייהע פראַגען, וואס זענען ביז איצט געווען א פּלאָג פאַר דער נאָרמאַלער אַרבייט פון דער שטאָדטישער ווירטשאַפט.

עס ווערען אַדורכגעפיהרט א גאַנצע רייהע וויכטיגע רעפאָרמען אין אופן פון דער אַרבייט פון דער גאַנצער אַדמיניסטראַציע, דאַנק וועלכע א שטאַרקען אַכט געלייגט אויף דער שפּאָרזאַמקייט פון צייט און אַרבייט.

אַלע אָבטהיילונגען ווערען רעאָרגאַניזירט, ספּעציעל ווערט רעאָרגאַניזירט די שטייער אָבטהיילונג, וואו עס האָט ביז איצט געהערשט א כאַאָס, צו דעם צוועק איז איינגעלאַדען געוואָרען דער נאַטשעלניק פון דער פינאַנץ-אָבטהיילונג ביים פּאָזנאַנער מאַגיסטראַט, וועלכער האָט אין דעם געביט פיעל אויספאָרונג.

בנוגע די רעפערענטען פון די פערשיידענע אָבטהיילונגען איז איינגעלאַדען געוואָרען אַדוו. גלוקזאָהן, וועלכער זאָל זיי אין נויטיגע פאַלען דינען מיט יורידישע עצות, אויך בנוגע די מעטינקייט פון די סעקוועסטראַטאָרען וועלען איינגעפיהרט א רייהע ענדערונגען.

אזוי אז דער סיסטעם פון מאַגיסטראַט - אַרבייט וועט אינגאַנצען געענדערט ווערען.

עס איז אויך ווייכטיג צו פערצייכענען דאס בילד אויף דער ערשטער זיצונג האָט דער קאָמיסאַר כבמל געמאַכט דעם אָנפאַנג וועלכער איז דורכ'ן א יחי'נגען פּראָטאָקאָל געמאַכט געוואָרען מיט די כאַראַקטערישע פעראיינען, דאס צו שאַרטישע אַרבייט זאָלען נור צייכענען ווערען סימבאָל דער פון דעם פעראיין — דאס עס בעדייט איצט ווי אזוי עס האָט אויסגעזעהען די האַנדלונג פון דעם געוועזענעם מ-עיר-רגם, דאס האָט אזוי ווי פא"י רם די כאַראַקטעס.

א שטרענגער צירקולאַר וועגען איינמאָהנען שטייערן.

דאס פינאַנץ מיניסטעריום האָט פונאַנדערגעשיקט צום היגען פינאַנס-אַמט, אזוי ווי צו אַלע פינאַנס-אַמטען אין גאַנצען לאַנד א שטרענגען צירקולאַר וועגען איינמאָהנען די פערלעגענע שטייערן.

וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען צירקולאַר בעטאָנט דער פאַקט דאס ער איז אונטערשטראָכען פון דעם פינאַנץ - מיניסטער מיט'ן באַחינמש אַלי.

אינ'ם צירקולאַר ווערט געזאָגט:

די איינצאָהלונגען פון אומזאַץ שטייער אין משך פון דער ערשטער העלפט פון חודש מאַי רופען אַרויס א השערה, דאס די פּראָגרעסיווע סומע איינקונפטען פון די דאָזיגע שטייערן וועט נישט דערגרייכט ווערען. דעריבער

קאָפּוועהטאָג און ערשעפּונג

ווי אויך מאַגען-פערדראָסונג, לעבער-קראַנקהייטען, ניערען, גאַל-שטיינער, רעומאַטיזם-אַרטריטיזם, העמאָרידען - חעה-מאַגען קומען אָפט פאָר צוליב דער שלעכטער שטאָף-וועקסלונג און פעראונרייניגונג פון בלוט אין מענשליכען אָרגאַניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווירקען צו א גוטער שטאָף-ענדערונג, ערוועקען צו פערדייען, רייניגען דאס בלוט און אַלערערשט מאַכען געזונד דעם מאַגען און ברענגען צו א רעגולערער פונקציע פון דער לעבער און ניערען, זאָהי בעזייטיגען שטילגאַנג.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

בעזייטיגען פון אָרגאַניזם די נישט פערדייטע רעשטלעך, זוי אויך בעקעמפען דאס שטעקען זיך פון פערוועציאָנען וואס איז גורם צו רעומאַטיזם און אַרטריטיזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

בעזייטיגען און פערהיטען דאס שאַפען זיך פון גאַל-שטיינער און פערמילדערן די העמאָרידאַל-שמערצען.

פּרייז פון א האַלב שאַכטעל 1.50
א דאָפּעלט שאַכטעל 2.50 זל.

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק סקלאַדעס.

פון פרייטאָג דעם 3 ביז מאָנטאָג דעם 6 יוני. מעכטיגער יום-טוב-פּראָגראַם.

CZŁOWIEK z AUTEM

Huguetta Doufloss i Georges Galli — אין די הויפּט-ראָלען:

מעכטיג פילם-קונסטווערק — דראַמאַ אין 2 סעריעס, 12 אַקטען אין איין פּראָגראַם.

טעאַטער „אָדעאָן" אַלעע 27

פון היינט איבערן זומער-סעזאָן אָנהויב שבת האַלב 5, זונטאָג האַלב 4, וואָכען-טעג האַלב 6.
לעצטער סעאַנס האַלב 10

DAGFIN
GROBOWIEC MIŁOŚCI

היינט פרייטאָג און מאָרגען שבת מעכטיגער אַמעריקאַנישער פילם אויפ'ן יאָהר 1927-8 פון גענייאַלען רעזשיסער דושאָ מאי א. ש.

אין די הויפּט-ראָלען: מאַרצעלאַ אַלבאַני, פּאָול ריכטער, פּאָול וועגנער. מוז. איל. י. בורשיק.

טעאַטער נאָוואָשצי אַלעע 12.
לעצטער סעאַנס האַלב 10.

Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja №